שנה ד'
נומער 156
**פרשת ויחי**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל




**א מעשה פון תפילה:**
פטור געווארן
פון אלע טיקעטס
דורך תפילה

**בריוו צו די רעדאקציע:**
מיר ווייסן נישט
וואס איז חשוב,
אבער צדיקים ווייסן
פון וואס מ'דארף
מאכן אן עסק דערפון

**קליין און שיין:**
א שיינעם בילד
פון אייער קינד

הייב אן מעביר סדרה זיין פון אנהויב וואך
יעדן טאג אביסל, וועסטו האבן הצלחה

# חזק חזק ונתחזק

היכל הקודש ניי'עס

## הרחבת גבולי קדושה

געעפנט בית המדרש היכל הקודש אין שטאט לאנדאן

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייןצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty
ויחי י"ד טבת תשפ"ג

הדלקת הנרות......... 04:25
מוצאי שבת............ 05:56
מנחה מעריב שמות ... 05:40


בריוו צו די רעדאקציע
גרויסע זאכן ליגן אין די 'זאני'.
3



שטעטל נייעס
גענעראל פארזאמלונגען אין שטעטל
4



היכל הקודש נייעס
הילולת רבי נתן זצ"ל געפראוועט אין אלע בתי מדרשים פון היכל הקודש
6



מיט א טיפערן בליק
די כח פון תפילה
8




ענייני דיומא
די גרויסקייט פון מעבר סדרה זיין
20



קליין און שיין
א שיין בילד וואס אייער קינד האט אהערגעשטעלט
24





## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 06 | 35°/25° | | Snow Showers |
| Sat 07 | 35°/23° | | Partly Cloudy |
| Sun 08 | 35°/26° | | Partly Cloudy |
| Mon 09 | 36°/26° | | AM Snow Showers |
| Tue 10 | 38°/26° | | Mostly Cloudy |
| Wed 11 | 38°/26° | | PM Snow Showers |
| Thu 12 | 37°/28° | | Partly Cloudy |
| Fri 13 | 39°/28° | | Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה
**מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו**
**וזוגתו אסתר רחל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה
**מו"ה יודל יחיאל דעפריס הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

# בריוו צו די
# רעדאקציע

**צדיקים ווייסן פון וואס צו מאכן אן עסק**

פאריאר אזא צייט שבת פרשת ויחי תשפ"ב בין איך געווען אין וויליאמסבורג, און איך בין ארויף צו די באטע פון דער ראש ישיבה, איך וועל אביסל אראפשרייבן וואס איך געדענק, איך געדענק נישט צופיל במילא שיק איך עס אריין אלס א בריוו און נישט אלס א סעודה מיט'ן ראש ישיבה.

ווען איך בין אנגעקומען האט דער ראש ישיבה פארציילט: "איך האב מקרב געווען אברהם משה פרייטאג צונאכטס, מיר זענען צוזאמען געגאנגען צום טיש פון ויזניצע רבי זכרונו לברכה, דארט האב איך גערעדט מיט אברהם משה פאר צוויי שעה, און דעמאלט האב איך אים מקרב געווען".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט וויפיל יאר צוריק עס איז געווען, האב איך געענטפערט אז איך האב א סימן, איינע פון מיינע קינדער זענען דעמאלט געבוירן, און זי ווערט יעצט זיבעצן יאר, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זיבעצן יאר וואס מיר לעבן מיטן רבי'ן, מיר זענען זיך צוזאמען מחזק מיט די עצות פון רבי'ן, און דער אייבערשטער זאל העלפן א גאנץ לעבן זאלן אונז לעבן מיטן רבי'ן, ס'זאל נישט בלייבן ביי זיבעצן יאר".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "ס'מוז זיין אז גרויסע זאכן ליגן אין די 'ואני', די געדענקסט מיין זיידע דער קארלסבורגער רב זצ"ל,

ווען ער האט געטראפן א אינגל פרשת ויחי האט ער אים געפרעגט: "דו קענסט שוין די 'ואני'?", אויך מוהרא"ש פלעגט אלץ גיין צו קינדער פארהערן די 'ואני', איינמאל האט מוהרא"ש געפרעגט איינע פון די עלטערע קינדער די 'ואני' און ער האט עס נישט געקענט, מוהרא"ש האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער קען נישט די 'ואני'."

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: **מיר ווייסן נישט וואס איז חשוב, אבער צדיקים ווייסן פון וואס מ'דארף מאכן אן עסק דערפון**, אזוי ווי מ'זעט אמאל גרויסע עשירים, זיי זענען נישט מער קלוג ווי א צווייטן, זיי ווייסן פשוט וואס מ'דארף טון, וואו מ'דארף דרייען, וואו מ'דארף אריינטאנצן, די זעלבע איז ביי צדיקים, זיי האבן געוואוסט וואס איז די יסוד, למשל מוהרא"ש האט געמאכט א גאנצע עסק פון מעביר סדרה זיין, **איך האב קיינמאל נישט געוויסט אז מעביר סדרה זיין איז אזוי וויכטיג**, הגם איך האב יעדע וואך מעביר סדרה געווען, אבער איך האב נישט געוויסט אז דאס איז איינע פון די עיקרים.

די וואך איז ארויפגעקומען אין ישיבה א עלטערער איד מיט א ווייסע בארד, ער האט זיך זייער פארשעמט, ער האט נאכנישט געענדיגט אפילו איין מאל חמשה חומשי תורה! **ווייל אן א צדיק ווייסט מען נישט וואס מ'האט צו טון.**

אויך פאר פסח פלעגט מיין זיידע פארהערן אלע קינדער די 'קדש ורחץ', מוז זיין עפעס ליגט אין דעם".

אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב



# שטעטל נייעס

## גענעראל פארזאמלונגען געקרוינט מיט סוקסעס מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף



נאך א לענגערע צייט וואס דער ראש ישיבה האט געהאט ארויפגעברענגט פאר די געטרייע הנהלה די געדאנק צו מאכן א גענעראל פארזאמלונג, צוליב דעם וואס דער ראש ישיבה וויל אז אלע אנשי שלומינו זאלן מיטהאלטן יעדע דעטאל וואס עס ווערט געמאכט פארן וואוילוויזן פון יעדן יחיד אין שטעטל, קען מען שוין מעלדן די פרייליכע בשורה אז די ערשטע פארזאמלונג איז שוין געווען ברוך השם, און איז געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע סוקסעס.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען מען האט געזען אז די שטעטל ווערט גרעסער און גרעסער און עס הייבט אן ווירבלען אינערהאלב די שטעטל גאר אסאך נייע פלענער, נייע בנינים ווערן געקויפט פאר די קהילה, נייע געשעפטן עפענען זיך, און אזוי ווייטער, אבער נישט יעדער האלט דאס מיט, און דער ראש ישיבה וויל אז אלע זאלן מיטהאלטן און וויסן וואס מען טוט אלס אויף בעזר השם, וואס דאס איז דאך די גאנצע הנהלה געשטעלט, צו אהערשטעלן פאר אנשי שלומינו אלעס וואס פעלט נאר אויס. איז מען אויפגעקומען מיט דעם געדאנק פון מאכן א גרויסע גענעראל פארזאמלונג וואס אזוי ארום וועט זיין א געלעגנהייט צו איבערגעבן פאר די חשובע איינוואוינער אלע איינצעלהייטן וואס ווערט אלס געמאכט, און די פלענער אויף ווייטער בעזר השם.

למעשה אזוי ווי די שטעטל איז שוין ברוך השם צעוואקסן אויף א גרויסע פארנעם האט מען געזען אז אויב וועט מען מאכן איין גרויסע פארזאמלונג וועט נישט זיין מעגליך צו הערן יעדענ'ס מיינונג וואס ער האט צו זאגן און צולייגן צו מאכן בעסער, האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל מאכן קלענערע פארזאמלונגען, יעדע וואך וועט מען צאמנעמען בערך צוואנציג אינגעלייט און דארט איבערגיין אלע איינצלהייטן וואס איז דא איבערצוגעבן, און ווער עס האט א שאלה אדער א המצאה מיט וואס מען קען בעסער מאכן די שטעטל זאל דאס דארט קענען איבערגעבן.

ברוך השם ווי מען האלט יעצט איז שוין פארגעקומען אפאר קלענערע מיטינגען, ווי דער עולם האט געהאט די געלעגענהייט צו זאגן אלעס וואס זיי האלטן מען קען פארבעסערן אין שטעטל פאר די באקוועמליכקייט פון אלע אנשי שלומינו, און אזוי אויך האט די הנהלה געהאט די געלעגנהייט צו פארציילן וואס עס ווירבלט זיך אינטער די קוליסן, אלע נייע פלענער וואס ליגט אויפ'ן טיש בעזר השם צו פארבעסערן פאר די איינוואוינער.

עס איז וויכטיג צוצולייגן אז פון די ערשטע מיטינגען איז שוין ארויסגעקומען נייע פלענער וואס עס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען נייע סערוויסעס פאר די עולם אין שטעטל וואס וועט ארויסקומען אין די נאנטע צוקונפט.

די קומענדיגע פארזאמלונגען וועלן נאכפאלגן אם ירצה השם.

## געשעפטן אין שטעטל בהשגחת דומ"ץ דקהילתנו שליט"א



מער און מער געשעפטן עפענען זיך אין שטעטל כן ירבו, כדי צו קענען סערווירן אנשי שלומינו מען זאל נישט דארפן קלעטערן צו ווייטערע געגענטער קויפן עסן און אזוי

<<<<

ווייטער, מיט דעם קומט מיט אז די געשעפטן דארף האבן א גוטע הכשר מיט אלע הידורים.

צוליב דעם האט דער ראש ישיבה געבעטן אונזער חשוב'ער דיין שליט"א זיך אריינצולייגן בעובי הקורה און אנהייבן געבן הכשרים אויף אלע געשעפטן וואס דארפן האבן א הכשר, דער דיין שליט"א האט זיך טאקע אריינגעלייגט אין דעם מיט'ן גאנצן קראפט און האט אנגעהויבן צו איבערגיין אלע דעטאלן פון יעדן געשעפט באזונדער וואס ס'דארף אלס האבן עס זאל כשר לכל הדעות.

ווי מען האלט יעצט געבט דער דיין שליט"א א הכשר אויף די "דעלישעס פיש געשעפט" וואס ווערט אנגעפירט דורך אונזער חבר ר' יצחק אהרן וויינבערג הי"ו, אזוי אויך געבט דער דיין שליט"א א הכשר אויף די געשעפט פון "העניק'ס טעיסט" אנגעפירט דורך אונזער חבר ר' העניך אינדיג הי"ו.

אויך געבט דער דיין שליט"א א הכשר אויף די מהודר'דיגע ברסלב'ע מצה בעקעריי דא אין שטעטל, ווי אויך די מקוואות אין שטעטל איז מיט'ן הכשר פונעם דיין שליט"א.

## מסיבה פאר'ן כולל היכל הקודש פארגעקומען אין שטעטל




א הערליכע מסיבה פאר'ן כולל איז פארגעקומען פארגאנגענעם ראש חודש, זונטאג פרשת ויגש אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל, ווי עס האבן זיך באטייליגט אפאר געקליבענע אינגעלייט וואס האבן געגעבן גרעסערע סכומים פאר'ן כולל.

עס איז שוין היינט ברייט באקאנט פאר אנשי שלומינו דעם הערליכן ווינקל, כולל היכל הקודש וואס געפונט זיך אין שטעטל, ווי דער ראש הכולל איז דער חשוב'ער דיין שליט"א. עס זיצן א חבורה אינגעלייט במשך'ן טאג און מען לערנט אן א אפשטעל, אזוי ווי דער ראש ישיבה באטאנט אייביג, אז א כולל איז נישט געמאכט פאר יעדן אינגערמאן נאך די חתונה, נאר עס איז ספעציעל געמאכט פאר אינגעלייט וואס ווילן באמת זיצן און לערנען, אינגעלייט וואס תורתם אומנותם, און דאס איז דער כולל היכל הקודש, אינגעלייט וואס ווילן באמת לערנען, מען דרייט זיך נישט ארום ליידיג, מען קוקט נישט אויפ'ן זייגער ווען די טאג גייט שוין פארביי און איך וועל שוין קענען פטור ווערן פון מיין חברותא וואס איך מוז מיט אים לערנען ווייל אזוי האט מען מיך געהייסן. ניין! דא צווינגט מען נישט קיינעם צו לערנען, דאס איז געמאכט פאר אינגעלייט וואס ווילן דאס מיט'ן גאנצן הארץ.

ברוך השם אז די אינגעלייט ווערן געצאלט אין צייט יעדן חודש, און ווערן גאר שיין באצאלט. דער ראש ישיבה האט געשטעלט מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו זאל פאנדרעיזן פאר'ן כולל, און ער טוט דאס מיט'ן גאנצן הארץ.

די לעצטע שטיק צייט האט מען אנגעהויבן מאכן א כולל מסיבה יעדן ראש חודש ביים ראש ישיבה אינדערהיים אין שטאט, פאר די אינגעלייט וואס געבן שיינע סכומים פאר'ן כולל. יעצט איז געווען די ערשטע מאל וואס די מסיבה איז פארגעקומען ביים שטוב פונעם ראש ישיבה אין שטעטל, וואס די נדבנים פון שטעטל האבן געקענט האבן די געלעגנהייט צו זיין ביי דעם הערליכן מסיבה.

עס איז פארמירט געווארן גאר שיינע שמועסן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, א גרויס טייל קען מען הערן אויף קול ברסלב ביי די טעגליכע שיעורים.

מען האט ארום גערעדט פון די וויכטיגקייט פון חתונה מאכן די קינדער ווען זיי זענען נאך ריין און ערליך, מען האט גערעדט די וויכטיגקייט פון זיין באחדות אין שטעטל, וואס נאר אזוי וועט די שטעטל ווייטער האבן א הצלחה בסייעתא דשמיא.

אויך האט מען גערעדט פון די וויכטיגקייט פון האבן שלום בית, דאס איז איין תקנה וואס די שטעטל האט אז מען מוז האבן שלום אין שטוב, וואס אויף דעם דארף מען זיך די מערסטע פארלייגן.

און בעיקר דארף מען זען מען מיטצונעמען פונעם שיינעם יום טוב חנוכה אז מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן פאר אלע חסדים וואס ער טוט מיט אונז יעדע רגע, וועגן דעם איז חנוכה די גמר פון אלע תיקונים פון די הייליגע טעג.

ביים סוף איז מען ארויס אין א ריקוד לכבוד ראש חודש און לכבוד יום טוב חנוכה.

**אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד**

## היכל הקודש
# נייעס

לאנדאן

### בית המדרש היכל הקודש אין לאנדאן געעפענט בסייעתא דשמיא




גאר פרייליכע נייעס קומט אריין פון לאנדאן אז מ'האט ענדליך געטראפן א צוגעפאסטע פלאץ צו האבן אן אייגן ווינקל פאר תלמידי היכל הקודש לאנדאן!

דאס קומט נאך טויזנטער און טויזנטער תפילות וואס תלמידי היכל הקודש אין לאנדאן האבן איינגעריסן ביים אייבערשטן צו קענען האבן א אייגענע בית המדרש זיך צו קענען מחזק זיין און דאווענען אינאיינעם און האבן א פלאץ ווי יעדער וואס דארף חיזוק זאל קענען קומען און זיך דערווארעמען די נשמה פונעם הייליגן רבינ'ס חיזוק.

דער ראש ישיבה האט שוין עטליכע מאל געזאגט ווי וויכטיג עס איז צו האבן אן אייגענע ווינקל אין לאנדאן, און ברוך השם בסייעתא דשמיא איז מען איבערגעקומען אלע שווערע מניעות און באוויזן צו עפענען א בית המדרש צו די גרויס פרייד פון אלע תלמידי היכל הקודש לאנדאן.

ליינט מער איבער דעם אינעם קאלום "מיט א טיפערן בליק".

מיר האפן און בעטן דעם אייבערשטן אז די פלאץ זאל מאכן א קידוש השם און דינען ווי א לייכט טורעם פאר די לאנדאנער אידענטום. די אדרעסס פארן נייעם בית המדרש איז 23A סעינט ענדרוס גראוו (ביים זייטיגן אריינגאנג)

אלוועטליך

### הילולת רבי נתן זצ"ל געפראוועט אין אלע בתי מדרשים היכל הקודש ארום די וועלט



פארגאנגענעם דינסטאג ויחי עשרה בטבת איז אפגעצייכענט געווארן דער 179'סטער יארצייט פונעם גרויסן תלמיד פון הייליגן רבי'ן - דער הייליגער רבי נתן זי"ע.

אביסל א השגה ווער דער הייליגער רבי נתן איז געווען קען מען פארשטיין פון די אויסדרוקן וואס דער הייליגער רבי האט געלאזט פאלן פון צייט צו צייט: "מען דארף דאנקען רבי נתן, ווייל ווען נישט אים וואלט נישט געבליבן פון מיר א בלעטל שמות" (חיי מוהר"ן, סימן ש"ע). אזוי אויך האט דער רבי געזאגט ביי א געלעגענהייט, "קיינער פארשטייט מיר נישט נאר נתן, און נפתלי אביסל".

רבי נתן איז געווען א תלמוד חכם מופלג, ער איז געווען א שטארקע מתמיד און בקי בש"ס ופוסקים, רבי נתן האט געקענט אויסענווייניג גאנץ ש"ס מיט אלע תוספות. ביי זיין בר מצוה איז ער א חתן געווארן מיט א טאכטער פון הגאון הצדיק הרב רבי דוד צבי אויערבאך זכרונו לברכה וואס איז געווען רב אין דריי גרויסע שטעט - שאריגראד, קרעמניץ, מאהליב; זיין שווער האט געזאגט: "מען האט מיר אנגעטראגן אסאך תלמידי חכמים פאר מיין טאכטער, אבער אזא גלאטע

<<<<



האלז ווי נתנ'לע האב איך נאך נישט געזען".

בעפאר רבי נתן איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן איז ער געווען ביי גרויסע צדיקים; ער איז געווען ביים הייליגן רבי ברוך'ל ממעזיבוזש זכותו יגן עלינו, אויך איז ער געפארן צום הייליגן רבי ר' זושא מהאניפאלי זכותו יגן עלינו. ער איז געפארן צום צדיק הרה"ק ר' מרדכי מקרעמניץ זכותו יגן עלינו, צו הרה"ק ר' שלום מפראהביטש זכותו יגן עלינו און צו הרה"ק ר' אברהם דוב מחמעלניק זכותו יגן עלינו; אלע צדיקים האבן אים זייער מקרב געווען, און זיך מיט אים משעשע געווען.

צום סוף איז ער מקורב געווארן צום גרויסן צדיק הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זכותו יגן עלינו, דער הייליגער קדושת לוי פלעגט אים זייער ליב האבן מיט א באזונדערע ליבשאפט, ער פלעגט אים רופן בלשון חיבה **"מיין נתנ'לע"**, אבער וויבאלד רבי נתן איז געווען א גרויסער מתמיד און א גרויסער למדן, האט ער נישט געקענט דערליידן די פארברענגען מיט די סעודות וכו', ער האט דאס אנגעקוקט ווי מען פארברענגט סתם די צייט. ער פלעגט ארומגיין מיט ספיקות און בלבולים וואס צו טון, 'ווי אזוי איז מען זוכה צו זיין אן ערליכער איד?' 'ווי אזוי איז מען זוכה צו דינען דעם אייבערשטן?' ער האט נישט געקענט טרעפן א תירוץ אויף דעם.

ביז איין מאל איז ער געזיצן מיט די תלמידים פון הרה"ק מבארדיטשוב זכותו יגן עלינו ביי סעודת מלוה דמלכה, מען האט געמאכט א גורל צווישן זיי וועם מען זאל שיקן קויפן בייגל, און רבי נתנ'ס נאמען איז ארויסגעקומען ביים גורל אז ער דארף גיין איינקויפן בייגל, איז ער געגאנגען איינקויפן בייגל פאר מלוה מלכה. אויפן וועג איז ער געווארן זייער צעבראכן, ער האט געטראכט צו זיך: 'אויף דעם בין איך באשאפן געווארן, צו גיין קויפן בייגל?' ער איז געווארן זייער צעבראכן פון דעם, ער איז אריין געקראכן אין א פארמאכטע שול דורכן פענסטער, ער איז ארויף אין ווייבער שול, גענומען א תהילים און אנגעפאנגען זאגן קאפיטל נאך קאפיטל מיט גרויסע בכיות, ער האט געוויינט צום אייבערשטן: "וואס וועט זיין דער תכלית מיט מיר?" ער האט אזוי שטארק געוויינט ביז ער איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און ער איז איינגעשלאפן.

ער חלומ'ט זיך ווי ער שטייט ביי א גרויסער לייטער, ער הייבט אן ארויפצוקריכן און ער פאלט אראפ, ער קריכט נאכאמאל ארויף און ער פאלט נאכאמאל צוריק, אזוי איז געווען יעדעס מאל, און יעדעס מאל וואס ער איז ארויף העכער איז ער געפאלן שטערקער, ביז ער איז שוין ארויף אלע טרעפ ביז אויבן, דעמאלט איז ער אראפגעפאלן און ער האט זיך מער נישט געקענט אויפשטעלן, פלוצלינג זעט ער א מענטש זאגט אים די ווערטער: "דראפע דיר און האלט זיך, שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות".

"שפעטער ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן האט ער גלייך געכאפט אז דער מענטש וועם ער האט געזען אין חלום ווי ער זאגט אים "דראפע דיר און האלט זיך", איז נישט קיין צווייטער ווי דער הייליגער רבי.

דעם פארגאנגענעם מאנטאג נאכט פרשת ויחי, אור ליום עשרה בטבת, האט מען געפראוועט די יארצייט סעודה אין אלע בתי מדרשים פון היכל הקודש, דער ראש ישיבה האט זיך באטייליגט ביים יארצייט סעודה אין בית המדרש היכל הקודש בלומינג גראוו, נעבן קרית יואל, און ארום גערעדט די גרויסקייט פון רבי נתן און וואס ער האט אונז איבערגעלאזט פאר שפעטער זיך צו קענען פירן ביז משיח'ס טאג.

אינעם הייליגן יארצייט האבן אנשי שלומינו אויסגענוצט די געלעגענהייט צו שטיצן און מחזק זיין דעם קרן הדפסה וועלכע דרוקט און פארשפרייט די ספרים פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, וואס דאס איז געווען דער שאיפה פון רבי נתן זכותו יגן עלינו זיין גאנצע לעבן, און דאס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער אויף דער וועלט: "עזרא הסופר גייט אוועק פון די וועלט און טריף פסול איז זיך מתגבר, אזויפיל ווי ס'איז היינט דא אלפים ורבבות טריף פסול; נאר איך האף, אז איין בלעטל פון רבינ'ס ספרים וועט זיין א תיקון אויף אלסדינג", און רבי נתן האט אויסגעפירט: "איך זאג אייך אן, אז אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים, סע זאל זיין **'יפוצו מעינותיך חוצה'**, איר זאלט זיין שטארק מיט 'געלט' מיט 'רצון' און מיט 'טירחא'"; (עזרא הסופר איז נסתלק געווארן עשרה בטבת; רבי נתן האט דאס מרמז געווען אויף זיך, אז ער האט געהאט נשמת עזרא הסופר).

אז מען געבט געלט פאר'ן דרוקן די ספרים האט מען די זעלבע חלק אין הפצה ווי די וואס גייען פארשפרייטן די ספרים; יעדע זאך וואס מען טוט צו העלפן פארשפרייטן די עצות פון רבי'ן איז מקרב די גאולה, עס ברענגט נענטער און נענטער משיח זאל קומען. ווייל די ספרים און קונטרסים ברענגען צוריק אידישע קינדער צום אייבערשטן. דער רמב"ם פסק'נט (הלכות תשובה פרק ז, הלכה ה): "הִבְטִיחָה תּוֹרָה שֶׁסּוֹף יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה בְּסוֹף גָּלוּתָן, וּמִיַּד הֵן נִגְאָלִין", די הייליגע תורה זאגט, ווען אידישע קינדער וועלן תשובה טון וועט זיי דער אייבערשטער גלייך אויסלייזן."

**על ידי הפצה ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו!**



# די כח פון תפילה

ישראל דוד העסקל

**איך** זאג דיר מ'דארף אריינטאנצן, נאר אזוי קען מען בויען! אזוי האב איך געהאלפן עפענען די סקול דעמאלטס, פרעג נישט... ס'איז נישט געווען קיין פלאן, ס'איז נישט געווען קיין געלט, אלעס וואס איז געווען איז א שטארקע רצון און אסאך תפילות!

אזוי פארציילט מיר ר' אייזיק אפפעל הי"ו חול המועד סוכות אינדרויסן פון די סוכה אין וויליאמסבורג די השתלשלות ווי אזוי מ'האט געבויט די מוסדות היכל הקודש און ער זאגט מיר נאכאמאל מ'מוז עפענען אין לאנדאן! איך זאג דיר טאנץ אריין ס'איז די איינציגסטער וועג!

ס'איז שווארץ שטאק שטיל איך שפאציר לעבן די וואסער און אטעם אריין די נאטור די ריינע לופט און איך שעפעש א תפילה צום באשעפער - אוי הייליגע באשעפער האב שוין אויף אונז רחמנות מיר דארפן אונזער אייגן ווינקל, הייליגער באשעפער איך בעהט דיר העלף אונז, מיר ווילן האבן א פלאץ ווי מ'גייט ברענגען אידן נענטער צו דיר ווי מ'גייט זיך ליב האבן און מחזק זיין איינער דעם צווייטן וואו מ'וועט נאר זיין פארנומען מיט יענעמס גשמיות... אוי באשעפער איך ווייס גאנץ גוט אז ס'מאכט נישט קיין סענס... ס'איז 'בדרך הטבע' נישט מעגליך... ס'פשוט נישטא קיין פלאץ... איך ווייס אויך אז לאנדאן איז נאכנישט גרייט פאר דעם... איך ווייס אלעס טאטע, איך ווייס אויך אז אלע פלעצער און אלע פראפערטיס געהערט פאר דיר, איך ווייס אויך, דיר פעלט גארנישט אלעס איז דיינס! איך בעט דיר באשעפער העלף, מיר זאלן קענען מקדש שם שמים זיין, אוי באשעפער!

אזוי זענען מיר געשטאנען און געבעטן נאכאמאל און נאכאמאל זה עומד בזוית זה וזה עומד בזוית זה יעדער שטייט זיך אין זיין ווינקעלע און בעט דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל, העלף אונז שוין, ביי דיר איז נישטא קיין טבע, פאר דיר פעלט גארנישט.... מיר דארפן א אייגן פלאץ פאר א בית המדרש!

פארשטייט זיך אז מיר האבן אנגעהויבן טוהן למעשה יעדער כפי יכלתו אונז זענען "נאכנישט" קיין קהילה פון אפאר הונדערט צו אפאר טויזנט אידן מ'רעדט דא פון אפשר קוים קוים א מנין... אבער א מנין אידן מיט אן אייזערנעם רצון!

ראש השנה האבן מיר באקומען גאר שטארקע חיזוק פון דער ראש ישיבה אז מיר זאלן "אריינשפרינגען" און עפענען אן אייגענעם בית המדרש, ס'האט שטארק געהויבן אונזערע געמיטער מיר זענען צוריקגעקומען פריש, די בלוט האט געברענט, מיר זענען געווען גרייט פאר די גרויסע אקציע פון עפענען א שוהל.

אומר ועושה איז ארויף א שטאפל מיר האבן אנגעהויבן איבערדרייען יעדן שטיינדל... מ'האט יעדע וואך געקלינגען כאטש צען מענטשן און אפאר מאל האט שוין אויסגעזען כמעט... און צום סוף...



אבער מיר געבן נישט אויף, מ'גייט אן פעסט, דער עולם האט זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי חברים און ידידים אויב איינער ווייסט פון א פלאץ... איך שטעל זיך פאר אלע האבן באקומען די זעלבע תשובות ווי מיר... איך וועל נאכשרייבן אפאר פון די תשובות... אמת'דיג ענק האלטן שוין דארט?? נע איך ווייס נישט.... הע געב אויף, אונז זוכן שוין א פלאץ פיר יאר פאר אונזערע חבורה, דאס איז סטעמפארד הילל נאך אביסל צוריקגעשטאנען... קענסט שוין יעצט אויפגעבן... ווער גייט עס באצאלן... עטץ האסט בכלל מנין?.... וואס פעלט עס אויס... וכו' וכו' איך האב אויסגעלאזט די נארישע העצערישע קאמענטארן פון די אידן וואס זוכן צו קריגן אויפן רבי'ן וד"ל.

אין אמת'ן אריין זענען די אלע אידן געווען גערעכט! לאנדאן האט טאקע נישט קיין פלאץ, ס'איז א געדעכט באוואוינטע שטאט, פרייזן זענען גוט הויעך מענטשן מוטשען זיך צו טרעפן א לאך וואו צו וואוינען... און לאנדאן איז נאך אביסל א צוריקגעשטאנענע פלאץ... מיר זענען טאקע א פיצי חבורה פון אידן וואס קענען זיך קוים דעקן א דאך איבערן קאפ... נאר וואס דען? אויב זענען די אלע טענות אזוי ריכטיג פארוואס פרובירן מיר ווייטער צו טרעפן א פלאץ? נישט ווייל מיר זענען א גרויסע רייכע קהילה וכו' זוכן מיר א פלאץ, נאר ווייל מיר האבן א רבי וואס לערנט אונז אויס אז מיט תפילה והתבודדות קענען מיר אלעס באקומען!

מיר שרעקן זיך נישט פון אלע אמת'ע ריכטיגע גוטע סברות פארוואס אויפצוגעבן נאר מיר שטארקן זיך פעסט מיט אונזערע אמונה, און מיט תמימות ופשיטות אן קיין חשבונות בעטן מיר ווייטער אפילו היינט ווייסן מיר אלע שוין קלאר אז ס'מאכט ממש נישט קיין סענס און ס'גייט נישט און ס'קען נישט וכו' דאך לאזן מיר אלע חכמות און א זייט און שטארקן זיך מיט די לימודים פון דער ראש ישיבה אנצוגיין און נישט צופאלן ווערן.

אזוי איז יעדע איין מאל אין צוויי וואכן געווען א גוטע מינוט ס'האט אויסגעקוקט מיר גייען אט אט האבן א פלאץ מיר זענען שוין געגאנגען קוקן דעם פלאץ מ'האט שוין געזען די ישועה פאר די אויגן מ'האט שוין כמעט אנגעהויבן טאנצן, ווען אין די לעצטע מינוט האט זיך אלעמאל עפעס פונקט געמאכט און למעשה נישט! איינמאל איז עס פשוט געווען צו קליין א צווייטע האט געהאט א פאליסי, ערגעץ אנדערש האט דער לענדלארד געהערט די ווארט ברסלב און מער נישט געענטפערט קיין טעלעפאן... אבער מיט אזעלכע שטארקע לימודים פון דער ראש ישיבה און מיט כסדר'דיגע חיזוק האבן מיר זיך נישט פארלוירן נאר מיט א שטארקייט ווייטער אנגעגאנגען און זיך מחזק געווען.

דערוויל פלעגן מיר זיך צוזאמען קומען יעדן ליל שישי פאר אן עצתו אמונה פארברענג ווי מיר זינגען אינאיינעם ניגוני חיזוק און מ'פארציילט מעשיות פון תפילה און מ'שמועסט דברי התחזקות.

די סמ"ך מ"ם האט גוט מיטגעהאלטן וואס דא טוט זיך, א קליינטשיקע חבורה איז ארויס אין העפטיגע מלחמה קעגן אים... און ער האט נישט געשפעטיגט צו ענטפערן... קודם האט ער אנגעהויבן מיט יחידים צו מאכן ביבולים יעדער אויף זיין אופן וכו' און צוביסלעך האט איינער אויפגעהערט קומען און נאכדעם א צווייטער אבער יעדער פרובירט זיך צו מחזק און זיך נישט לאזן ס'גייט נאך זיין גרויס... ס'גייט נאך מצליח זיין... מ'מוז זיך דערהאלטן...

אבער ליידער האט דער סמ"ך מ"ם אנגעהויבן מצליח זיין און די חבורה האט אנגעהויבן ווערן קלענער מיט כמעט יעדע פארבייגייענדיגע וואך, מ'האט זיך געזאגט איינער דעם צווייטן: "מ'דארף נישט קיין עולם... דער עיקר איז אז מ'קומט זיך צאם... מ'מוז זיך האלטן שטארק..." און אזוי האבן מיר פרובירט ווייטער אנצוגיין...

פון דא און ווייטער פארטרעט איך נאר מיר... יא די בייזע מחשבות און בילבולים זענען אנגעקומען צו מיר אויך איך האב עס פרובירט צו דערשטיקן וויפיל איך קען... איך האב געהאלטן אין איין אוועקשטופן די מחשבות וואס האבן מיר אנגעהויבן פלאגן יענער תקופה... וואס איז די פוינט.... וואס פעלט עס אויס.... ס'הייבט אן ווערן באורינג... וועמען טו איך דא א טובה... אזוי האב איך זיך געדארפט ראנגלען מיט שווערע מחשבות און געזונטע בילבולים...





א נס אז די חבורות פלעגן יענע תקופה זיין ביי מיר אינדערהיים אזוי האב איך געמוזט קומען צו די חבורות... אבער אין מיין קאפ איז אלעס געווען אינגאנצן שווארץ איך האב נישט געזען קיין עתיד... ביי די חבורות פלעגט מען אלס זאגן אז דער ס"מ שטייט אינדרויסן און לאזט קיינעם נישט אריין.... אזוי האט מען יעדע וואך נאכאמאל זיך פרובירט צו מחזק זיין...

ביז...

ביז ענדליך האט אויסגעקוקט ווי די זון שיינט אונז אויף ס'האט אנגעהויבן אויסקוקן ווי זאכן הייבן זיך אן רוקן איך האב געטראפן א פלאץ פאר א שוהל! אוי בין איך געווען אויפגעלעבט ביי יענער חבורה איך האב געטראפן א פלאץ, דער לענדלארד איז א נארמאלער מענטש, די פלאץ איז א גאס אוועק פון מיין הויז ניין ס'איז בכלל נישט ריזיג אבער אויף אנצופאנגען איז עס פונקט גוט.... די פרייז איז אויך גאנץ מענטשליך.... מ'דארף נאר ווארטן צוויי וואכן ס'זאל ווערן גרייט ווייל דער לענדלארד מאכט עס איבער... און נאכדעם קען מען זיך אריינציען!



דאס איז עס האב איך געטראכט צו זיך, איך זעה שוין אן עתיד צו קומען צו א חבורה ביי איינעם אינדערהיים איז נישט אזוי גרינג פאר יעדן... אבער אז ס'וועט זיין א שול וועט דער עולם קומען אין די מאסן!

אונז זיצן ביי די חבורה און מ'טוט העפטיג דורך אלע מעלות און חסרונות פון די פלאץ... מ'הייבט אן אויסצוארבעטן א פלאן פון וואו ס'וועט זיין געלט... ס'איז נישט געווען קיין פלאן... מ'גייט זיך פארלאזן אויף ניסים... קודם לאמיר האבן די פלאץ נאכדעם וועט מען זעהן...

מ'איז אויפגעלייגט און אויפגעלעבט... איך שמועס איבער מיט'ן לענדלארד אלע לעצט מינוטיגע איינצלהייטן... למעשה זאגט ער, ער האט נישט קיין חשק לכתחילה צו פארדינגען דעם פלאץ פאר א שול... ער וויל עס קודם אדווערטייזן פאר אפיסעס און מ'וועט זיין בקשר!

קראדדך...

איר געדענקט נאך די דמיונות ארטיקל... עפעס אזוי... נאר אן די זיסע מוסר השכל... די גאנצע באבל האט געקראכט און איך האב געשפירט ווי איך דערהייב עס מער נישט אפשר זענען זיי אלע געווען גערעכט... לאנדאן איז נישט אמעריקע.... דא קען עס נישט געשען... אפשר אין צוואנציג דרייסיג יאר.... אפשר?! אפשר זענען זיי אלע טאקע גערעכט? אפשר איז טאקע נישט דא קיין עתיד...

אבער די חבורה לאזט זיך נישט, לאמיר מאכן שלש סעודות! זיכער, מיר זענען אלע איינשטימיג אויף די וויכטיגקייט פון דעם... מ'קען עס מאכן ביי דיר? יא זיכער! ס'פארט ארויס א טעקסט צו אלע אנשי שלומינו לאנדאן אז שלש סעודות וועט אי"ה דעם וואך ביי מיר אין שטוב. מ'איז שנעל געלאפן איינקויפן און מ'גרייט זיך און מ'האפט אז ס'וועט זיין פלאץ... למעשה זענען פיר אידן אנגעקומען... איך האב אפילו נישט געדארפט שלעפן אן איבריגע בענקל...

אויף נעקסטע וואך האט מען מחליט געווען אז מ'גייט עס מאכן ביי שמחה בלאק אינדערהיים ס'דא מער מקורבים וואס וואוינען נעבן אים... אפשר גייט א גרעסערע עולם קומען... אבער דער סמ"ך מ"ם האט נישט אנטוישט... יא ס'איז געקומען נאך איינער וואס מ'האט שוין לאנג נישט געזען.... אבער מ'האט געשפירט אז אינדרויסן שטייט דער ס"מ און לאזט נישט אריין קיינעם...

די נעקסטע וואך האט מען געמאכט א מלוה מלכה און ס'איז שוין יא אנגעקומען אביסל מער אנשי שלומינו ס'האט שוין אנגעהויבן אויסזען ווי אפשר איז די זון נאכנישט אינגאנצן אונטערגעגאנגען... אפשר איז יא דא א האפענונג...

מיטוואך קלינגט מיר אונזערע חשובע געטרייע גבאי' מו"ה שמואל אליעזר פערל הי"ו פרעגן אויב מ'קען מאכן א מנין שבת חנוכה ביי מיר אינדערהיים? זיכער אדרבה ואדרבה! ס'שוין פרייטאג נאכמיטאג איך ווארט שוין אויף די טעקסט אז מיר גייען האבן א מנין אבער ס'קומט נישט!

איך קלינג אן דעם גבאי'... וואס איז די מעשה? ווען דאווענט מען? אוי! ציעט ער ארויס א קרעכץ.... וואס זאל איך דיך זאגן זאגט ער מיט שטימע וואס איז מעיד אויף ערנסטע בילבולים... מיר האבן נאר פינף מענטשן! פאר מיר איז דאס שוין געווען ממש מכה בפטיש א גאנץ שבת האב איך זיך ארומגעטראגן מיט א שווער הארץ... מה



נפשך אויב שבת חנוכה ווען ס'איז א גרויסע ענין ביי אנשי שלומינו זיך צאמצוקומען האבן אונז נישט קיין מנין... וואס איז דעמאלט בכלל די שכל פון עפענען א שוהל? פאר וועמען? אוי האבן די אלע קליינע יאוש טראפקעלעך באוויזן צו מאכן א לאך אין מיין הארץ איך בין ממש געווען אויס מענטש! נישטא קיין עתיד האט מיין קאפ געגראגערט...

איך האב פרובירט צו האלטן די אלע בילבולים ביי מיר אין בויך...(אפשר איז עס נישט געווען ריכטיג...) איך האב פשוט מורא געהאט קאלט צו מאכן אנדערע... אבער איך האב אנגעהויבן ווערן אביסל מיואש איך האב נישט אויפגעהערט צו בעטן נאכאמאל און נאכאמאל אבער ס'האט זיך שוין אנגעהויבן שפירן ווי א תפילת שוא...

דינסטאג א טאג נאך חנוכה א טאג נאכן פייערן די גרויסע ברסלב'ע יום טוב... אזוי האט דער ראש ישיבה געזאגט ס'מוז זיין אז די חשמונאים זענען געווען ברסלב'ער ווייל נאר א ברסלב'ער קומט אן צו חורבן און אנשטאט באוויינען דעם חורבן לויפט ער זוכן א פך שמן... א נקודה טובה... און ער פרייט זיך מיט דעם אפילו ס'איז נאר דא גענוג פאר איין טאג.... איי וואס וועט זיין מארגן? מארגן גייט מען בעטן דעם אייבערשטן! בקיצור איך זיץ אין שוהל איך ענדיג מיינע שיעורים אויפן וועג ארויס טשעק איך מיין פאון און איך זע דריי מיסד קאלס פון ר' שמחה בלאק הי"ו  איך רוף אים צוריק ער הייבט אויף די פאון און שטימע פול מיט רוח חיים זאגט ער מיר: "העללא - ס'קען זיין אז אונז האבן אפשר א פלאץ!" אוי נאכאמאל דער פעין טראכט איך צו מיר? איך פרעג אים פאר וועמען, אונז האבן דאך נישט מער קיינעם? אבער ער ווערט נישט פארלוירן און מיט א פאזיטיווע שטימע זאגט ער דער אייבערשטער וועט העלפן!

אקעי' טראכט איך צו מיר אפשר טאקע? אפשר דאס מאל איז עס עכט? איך פרוביר מיר צו מאכן פרייליך און ענטוזיאסטיש וועגן דעם... איך בעהט דעם באשעפער נאכאמאל און נאכאמאל דאסמאל שוין מיט זודיגע טרערן, באשעפער האב שוין אויף אונז רחמנות העלף אז דאסמאל זאל עס שוין זיין עכט ווייל איך שפיר ווי איך דערהייב עס מער נישט... אויב גייט דא ווייטער זיין א דורכפאל ווייס איך נישט ווי אזוי איך גיי עס קענען דערהייבן!

מיטוואך צופרי שיקט מיר ר' שמחה נ"י בילדער פון די פלאץ ס'איז שיין איבערגעמאכט ס'איז נישט צו גרויס..... אבער אויף אנצוהייבן איז עס פונקט גוט.... איך באטראכט די בילדער איך זעה שוין ווי דארט גייט זיין די ארון הקודש און דא די בימה ... ביינאכט קומט די באמבע - - מ'האט געסיינט קאנטראקט!!!!

איך קען זאגן איך האב ממש געשפירט דעם טייוול ארויספליען פון מיר דעמאלסט... די שמחה וואס איז דעמאלט אין מיר אריין איך האב זיך גענומען טאנצן ס'איז דא א פלאץ! אונז גייען זיך שטארקן און דורכמאכן דעם שווערן תקופה וואס איז אריבער און פייפן אויף די וועלט! אפשר אין דרייסיג פערציג יאר? יעצט שוין! דאס יאר!

דאנערשטאג נאכט איז פארגעקומען די ערשטע חבורה "בבית מדרשינו" דער עולם איז געווען אין אזא הויכע פרייליכע שטימונג אז ס'נישט מעגליך אפילו עס אראפצולייגן אויף פאפיר איך ווייס נישט אויב די חברים האבן באמערקט אבער איך האב זיך נישט אויפגעהערט ציפן צו מאכן זיכער אז דאס איז עכט! איך זיץ יעצט אין "בית המדרש היכל הקודש לאנדאן" מיט א ריזיגער שמייכל אויסגעצויגן אויף מיין געזיכט דידן נצח! ווי מעיד איט!!! די שוהל וואס איז געבויט געווארן פון טויזנטער טויזנטער תפילות.... דייקא ווען מ'האט געשפירט אז ס'איז גענדיגט.... פאר וועמען.... פארוואס?.... דעמאלט האט די זון געגעבן אזא שיין אויף! עס איז געווען א געפאקטע חבורה דער גבאי ר' שמואל אליעזר פערל נ"י האט גערעדט גאר ווארימע שטארקע דיבורים פול מיט חיזוק מ'האט געזונגען געשמאקע ניגוני התחזקות ס'איז געווען אזוי דערהויבן מ'האט גארנישט געקענט





דערקענען וואס די מצב איז געווען מיט קוים אפאר טאג פריער...

נאך די חבורה האט מען אנגעהויבן פלאנען דעם "ערשטן" שבת.... און מ'האט מחליט געווען צו גיין צוביסלעך... קיין ספר תורה האבן מיר דערווייל נישט לאמיר קודם אנהייבן נאר מיט שלש סעודת און מ'וועט שוין זעהן ווייטער... יעדער איז מסכים ס'דא א שוהל ממש דא ווי מ'קען דאווענען מנחה און נאכדעם וועט מען זיך צוזאמען קומען פאר שלש סעודת...

איין פראבלעם איז דא מ'דארף א פרידשידער ווייל אין דער געגנט פון די שוהל איז נאכנישט דא קיין עירוב... און מ'דארף האבן ווי צו האלטן אלע זאכן פריש... אונזער חשובער חבר ר' משה אהרן גינזבערג הי"ו רוהט נישט איין ער וועט שוין טרעפן עפעס א נדבן און וואס מיינט איר פרייטאג אפאר שעה פאר די זמן קומט ער אן מיט א ברענד נייע פרידשידער!!! שכח אייבערשטער!

פרייטאג קומט אן די טעקסט פון "ביהמ"ד היכל הקודש לאנדאן" די דריזל וואס איך שפיר יעדער מאל איך זעה דער ווערטער ס'איז א ריעלעטי אונז האבן א ווינקל!

לקראת שבת לכו ונלכה! דער וואך שבת בין איך נישט געגאנגען דאווענען נאר געטאנצט די גאנצע וועג ס'איז אינגאנצן א אנדערע סארט שבת... ס'איז א שבת מיט א בית המדרש היכל הקודש לאנדאן! איך האב קוים געקענט אויסווארטן זיך שוין צו זעהן אויפן וועג צו "אונזער" בית המדרש... דער זייגער שלאפט נישט... ס'איז שוין פערטל נאך דריי איך לאז זיך ארויס אויף די האלבע שעה'דיגע וועג צו די נייע שוהל א מחיה א האלבע שעה שפאציר וואס איך קען רעדן צום אייבערשטן און זיך מתבודד זיין שכח אייבערשטער!

נאך א האלבע שעה בין איך אנגעקומען צו די דערנעבנדיגע שול דאווענען מנחה נאך מנחה גייען מיר מיט פרייליכע טריט צו "אונזער" בית המדרש! איך קום אריין אין שוהל שוין דא דארט אפאר חברים מ'זעצט זיך אוועק יעדער פרוביר עס צו פראססעסן אונז האבן עס געמאכט!! די טיש איז הערליך שיין צוגעגרייט מיט כל טוב וטוב, מיר וואשן זיך אונז הייבן אן עסן שלש סעודת און איך זיץ מיט אפענע אויגן און שטוין נאך איינער קומט אריין און נאך איינער ס'פילט זיך שוין אן... מ'הייבט שוין אן טראכטן ווער ווייסט אפשר וועט מען נאך האבן דא א מנין אויף מעריב....

מיר הייבן אן אתקינו סעודתא מיט די ווארימע ברסלב'ער נוסח און ביי מזמור לדוד איז שוין נישט געווען גענוג פלאץ ארום די טיש!!!! דער גבאי מו"ה שמואל אליעזר פערל הי"ו האט גערעדט ווארימע געשמאקע דברי התחזקות נאכדעם האבן מיר געענדיגט די זמירות שלש סעודות.

נאך די זמירות האט מען געזונגען ווארימע ניגונים דער חשובער געטרייער מלמד מו"ה נחמיה פקשר הי"ו האט געזונגען מיט די קינדער און געטיילט גוטע זאכן פאר די קינדער די אטמאספער איז געווען אזוי הויך!!!

נאכדעם האט מען געבענטשט מיט א קנאקעדיג אלוקינו... יא מיר זענען געווען מער פון א מנין דאס איז אזוי אומגלויבליך!!! ר' שמחה בלאק הי"ו איז צוגעגאנגען צו מעריב און נאך מעריב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טאנץ אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!!!

יא דער אייבערשטער האט אונז נאכאמאל געוויזן אז מיט תפילה קען מען אלעס אויספועלן אפילו דאס אוממעגליכע...

מיר בעטן ווייטער דער אייבערשטער אז די פלאץ זאל וואקסן און בליען און זיין א צענטער פון חיזוק פאר אנשי שלומינו און דינען ווי א לייכט טורעם אויף די שטאט לאנדאן.

**שכח אייבערשטער שכח אייבערשטער שכח אייבערשטער!!!!!!!**





# מעשיות פון תפילה

## צווי תלמידי הישיבה - וויליאמסבורג:

די פארגאנגענע וואך שבת האבן מיר געדארפט עסן די שבת'דיגע סעודה ביי א משפחה אין וויליאמסבורג, אנקומענדיג זעהן מיר ווי די טיר פונעם בנין איז פארשפארט, מיר האבן געקוקט איבעראל אויב ס'שטייט ערגעץ די נומער, אבער מיר האבן גארנישט געטראפן.

האבן מיר ביידע אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען אריינגיין, פלוצלינג קומט ארויס א קינד פון אינעווייניג, ער עפענט די טיר און גייט גלייך צוריק אהיים.

## יודל דעפריס - קרית ברסלב:

דער ראש ישיבה האט גערעדט ביי א שיעור אפאר וואכן צוריק אז ווען מ'בעט דעם אייבערשטן דארף מען נישט נאר בעטן אויף זאכן וואס ס'זעט אויס פאר דעם מענטש אז ס'קען געשען, נאר מ'קען אויך בעטן אויף זאכן וואס זענען אויס זייער ווייט פון קענען געשען, ווייל פארן אייבערשטן איז אלעס די זעלבע זאך, נישט קיין חילוק צו ס'מאכט סענס אדער נישט.

איינע פון די זאכן וואס כ'האב צוגעלייגט צו די ליסט איז אז איך זאל האבן בלעק טאפ (פעך) אויף מיין דרייוו וועי, ס'האט נישט געשטימט אין מיין קאפ אז איך וועל מיר עס קענען ערלויבן, לויט מיין אינפארמאציע קאסט עס אפ צווישן צען און פופצן טויזנט דאלער, אבער איך האב נאכאלץ געבעטן דעם אייבערשטן דערויף.

שכח אייבערשטער אז האב איך גערופן א בלעק טאפ קאמפאני סתם פרעגן פרייזן, זאגן זיי אז דאס איז די לעצטע וואך פון די סעזאן, און זיי האבן נאך אין איבעריגע לאוד פון בלעק טאפ, דערפאר קענען זיי עס געבן פאר גאר א גוטע פרייז דערפאר. שכח אייבערשטער!

## מנחם שטיינבערג - קרית ברסלב:

איך האב א הויז וואס שטייט צו פארדינגען פאר רענט, דריי חדשים צוריק איז געווען אן אינספעקשן אויף די הויז, און נאך די אינספעקשן האבן זיי מיך געגעבן א גאנצע ליסטע מיט זאכן וואס מען דארף פאררעכטן, די דרייוו-וועי דארף מען איבערבויען, מ'דארף אפשניידן אפאר ביימער און אזוי ווייטער... ס'איז ממש מקוים געווארן די משנה "מרבה נכסים מרבה דאגה"... איך האב פרובירט זיך צו טענה'ן מיט זיי אבער ס'איז נישט געווען צו וועם צו רעדן... אזוי איז געגאנגען אהין און צוריק פאר דריי חדשים. נאכדעם האבן זיי געסטראשעט אז אויב מ'פארעכט עס נישט ביז א געוויסע צייט גייען זיי אנהייבן בעטן הונדערט דאלער א טאג ביז מ'פארעכט עס.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך ארויסדרייען פון די גאנצע סיטואציע און ס'זאל נישט אפקאסטן קיין סאך געלט, שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן איינער וואס קען איבערמאכן מיין דרייוו-וועי פאר גאר א גוטע פרייז, און די אינספעקטערס האבן זיך באגנוגנט מיט דעם.

איך שיק אייך דא מיט א בילד ווי איר געקענט זען אז אלעס איז געווארן אפגעוויישט.

**Status:** Complied

**Assigned To:** Boothe, Yolande

Locations | Inspections | Violations

Violations | First Tab | Code Case Details | Main Menu

**Violations**

| Code | Description | Status |
|---|---|---|
| 22-1 | House Numbers | Resolved |
| 302.4 | Uncontrolled Growth of Vegetation | Resolved |
| 302.9 | Parking | Resolved |
| 31-570 | Driveway | Resolved |
| Sec. 31-606(a)(10) - Landscape maintenance | (a) General | Resolved |

<<<<

## שמעון קורדוזו - קרית ברסלב:

צוויי וואכן צוריק איז געפאלן אין שטעטל גאר א שווערע שניי, און די שאטל פון שטעטל איז געווארן סטאק אין די שניי און ס'האט נישט געקענט ארויסגיין. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די שאטל זאל זיך ארויס זעהן פונעם שניי ווי אמשנעלסטן, שכח אייבערשטער אז נאך געציילטע מינוט איז די שאטל צוריק געפארן אויפן ראוד, כאילו לא היה.

## רפאל פורסט - קרית ברסלב:

ברוך השם איך האב געהאט די זכי' אויפצוטרעטן ביי די מסיבת חנוכת הבית מוצאי שבת חנוכה, איך האף צום אייבערשטן אז מיינע ווערטער זענען נישט געפאלן אויף טויבע אויערן, נאר אויפגעטון וואס ס'האט געדארפט אויפטון.

א מינוט פאר איך האב אנגעהויבן מיין אום צוגעגרייטע דרשה קומט מיין זון אריין מיט יאמערליכע קולות, ער האט זיך געשטיקט אויף א עסן, ער איז געווארן רויט און אנגעהויבן היסן, הגם ער איז געווען מער דערשראקן ווי דערשטיקט, אבער ער האט זיך פשוט נישט געקענט כאפן דאס אטעם, איך בין געווארן אביסל פארלוירן, נאך א מינוט גייט מיך דער יושב ראש אויפרופן רעדן און מיין זון שטיקט זיך דא, וואס טו איך דא?...

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל קענען צוריק כאפן דאס אטעם און אלעס זאל גיין כשורה, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז נאך א מינוט האט ער זיך צוריק געכאפט דאס אטעם, און געקענט צוריק גיין שפילן ווי אלע קינדער.

## שלמה יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

איך האב געווארט אויף א גרויסע סכום געלט פון א געוויסע פירמע, ס'איז שוין געגאנגען אהין און צוריק פאר א לאנגע צייט אבער די געלט האב איך נישט באקומען פון זיי, דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז ביי די חנוכה ליכט קען מען אלעס פועל'ן, האב איך זיך אוועקגעזעצט ביי די הייליגע חנוכה ליכט און געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל צוריק באקומען די געלט, און איך האב צוגעזאגט אז ווי נאר איך באקום די געלט גיי איך די ערשטע זאך באצאלן מיין שכר לימוד באלאנס.

ברוך השם דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב צוריק באקומען די גאנצע סכום נאך אום חנוכה, און איך האב גלייך באצאלט מיין שכר לימוד באלאנס.

## ישראל דוד העסקל - לאנדאן:

פארגאנגענעם שבת האט גאר שטארק גערעגנט א גאנץ שבת אין לאנדאן. איך האב זייער שטארק געוואלט גיין צו די נייע שוהל אבער עס איז א האלבע שעה צו גיין פון מיין שטוב האב איך זייער שטארק געבעטן דער אייבערשטער אז די האלבע שעה וואס איך דארף גיין אין גאס זאל נישט רעגענען און שכח אייבערשטער אז פון ווען איך בין ארויס פון שטוב ביז איך בין אנגעקומען אין שוהל האט גארנישט גערעגנט.

## אלחנן זויבערמאן - וויליאמסבורג:

**א)** איך האב זייער שטארק געוואלט קומען אויף שבת חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט די גאנצע עולם, עס איז נישט געווען צוגעשטעלט א וועג פאר די בחורים צו פארן. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א געשמאקע וועג גרינג און שנעל.

שכח אייבערשטער אז איינער האט זיך אנגעטראגן מיר צו נעמען.

**ב)** אויפ'ן וועג אהיים פון שטעטל קיין וויליאמסבורג מוצאי שבת חנוכה האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין א אידישע גאז סטאנציע ארום פיר אזייגער מיטאג און איך האב נאך געהאלטן פאר פרישטאג...

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל מיך באצאלן א סענדוויטש, און אויך זאל יענער מיך פארשלאגן א טרונק ווייל איך שעם מיך צו בעטן.

אזוי אינמיטן בעטן קומט אריין א איד און נעמט זיך א סענדוויטש, איך גיי צו צו אים און איך פרעג אים צו ער קען מיך קויפן א סענדוויטש. האט ער געענטפערט זייער גערן און צוגעלייגט אז איך זאל מיך אויך נעמען א טרינק...

## אלחנן זויבערמאן - מרדכי לייב טירנויער:

אונזער קאר איז געבליבן סטאק אין די שניי אינמיטן פארן צו גיין הפצה. מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך ארויסזען פון דעם וואס שנעלער.

שכח אייבערשטער בזכות די תפילות און בזכות הפצה זענען מיר ארויס געקראכן פון די שניי גאר שנעל.

שכח אייבערשטער

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר שׁוֹין צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן וָואס אִיךְ הֶער טָאג טֶעגְלִיךְ פוּן דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, פוּן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ, דָאס גֶעטְרֵיישַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ.

מֶען הָאט מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען אִין אַמֶערִיקֶע וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וִוי עֶס פַּאסְט פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק; דִי וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, מֶען שְׁרֵייט אוֹיס אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: **"חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!"** לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם חוּמָשׁ אוּן זֶען וִוי אַזוֹי דִי פַּרְשָׁה עֶנְדִיגְט זִיךְ (בְּרֵאשִׁית נ, כו): **"וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים, וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ, וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם"**, אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער שְׁרֵייט מֶען **"חֲזַק חֲזַק!"** זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ עֶר אִיז טוֹיט, עֶר אִיז בַּאגְרָאבְן אִין טוּמְאָה, עֶר לִיגְט אִין מִצְרַיִם, אִין עֶרְוַת הָאָרֶץ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ז) דִי מִצְרַיִים זֶענֶען דִי עֶרְגְסְטֶע אִין שְׁמוּץ; אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, שְׁרֵייט מֶען אִים: **"חֲזַק חֲזַק!"** שְׁטַארְק זִיךְ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם; דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּיקּוּן כז) אַז אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אִין דִי טֶעג תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְן פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### זיך אוועקגעבן פאר אידישע קינדער

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: איינער פון די תלמידים פון הייליגן חתם סופר זי"ע איז אמאל אריין צו זיין רבי אין שטוב און געזען ווי דער הייליגער חתם סופר איז זייער צעבראכן, ער זיצט און וויינט. דער תלמיד האט זיך זייער דערשראקן, האט ער געפרעגט זיין רבי'ן דער הייליגער חתם סופר וואס גייט פאר, האט דער חתם סופר געזאגט: "איך בין אזוי פארנומען מיט די ישיבה, מיט מיינע תלמידים, איך האב נישט קיין צייט זיך אפצוגעבן מיט מיינע אייגענע קינדער, איך האב נישט קיין צייט צו פארהערן מיין זון".

האט דער תלמיד געפרעגט רשות פון זיין רבי צי ער מעג ענטפערן, ווען דער חתם סופר האט אים געגעבן רשות האט ער געזאגט: "וואס מיינט דער פסוק (תהלים ל"ז): **"כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"**, דער פסוק גייט ארויף אויפ'ן צדיק, **"כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה"**, אגאנצן טאג בארגט ער; וויפיל געלט האט דער צדיק אז ער קען אגאנצן טאג בארגן פאר אנדערע? און וואס איז דער המשך פונעם פסוק **'וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה'**?

האט דער תלמיד פארענטפערט: **'כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה'**, דער צדיק געבט זיין גאנצע טאג אוועק פאר אידישע קינדער, אנשטאט זיין פארנומען מיט זיין אייגענעם לעבן, מיט זיין ווייב און קינדער, מיט זיינע אייגענע געברויכן, געבט ער די צייט אוועק צו העלפן אידן און לערנען תורה מיט תלמידים; **'וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה'**, דורך דעם באקומט ער א ברכה פונעם אייבערשטן, די קינדער זענען געבענטשט".

ביי שלש סעודות האט דער הייליגער חתם סופר איבערגעזאגט דעם ווארט, האט מען פון דעם געוואוסט אז ער האט הנאה געהאט.

האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט צו די איינגעשטעלטע פונעם מוסד: **"דורך דעם וואס איר געבט זיך אוועק צו העלפן דעם רבינ'ס מוסד וועט דער אייבערשטער העלפן איר וועט זען נחת ביי אייערע קינדער".**



# א מעשה
## פון א צדיק

## דִי יְרוּשָׁה פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט זִיךְ צֶעזַאמְקוּמֶען בַּיים הִילוּלָא פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט צַאמְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע לַייט, מֶער וִוי בְּרוֹיט מִיט הֶערִינְג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן גְרוֹיס אָרִימְקֵייט וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט דָארְט, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם הֵייסֶע טֵיי, אוּן פְלֶעגְט אַזוֹי אָנְהֵייבְּן: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין. לָאמִיר זִיךְ צֶעטֵיילְן צֶעזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה". אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ לַאנְגְן שְׁמוּעֶס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וָואס וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִיךְ דֶערְקְוִויקְט דָאס הַארְץ, וַוייל עֶר הָאט גֶעקֶענְט נָאכְזָאגְן נִישְׁט נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נָאר אֲפִילוּ דֶעם קוֹל הָאט עֶר גֶעקֶענְט נָאכְמַאכְן פוּנְקְטְלִיךְ.

דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעוָואלְט הֶערְן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, וֶועגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּנֶעם גְרוֹיסְן רָב, אָבֶּער רֶבִּי נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן וֶוען עֶר אִיז דָארְטְן, פְלֶעגְט זִיךְ דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב בַּאהַאלְטְן אַרָאפְּצוּבֵּייגְן זִיךְ מֶען זָאל אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רֶעדְט מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט "וָואס גֵייט דִיךְ אַזוֹי אִין לֶעבְּן אִים צוּ הֶערְן? אִיר קֶענְט דָאךְ בֶּעסֶער לֶערְנֶען!", פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן, "אָבֶּער עֶר זָאגְט נָאךְ פוּנְקְטְלִיךְ וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אוּן אֲפִילוּ דִי תְּנוּעוֹת אוּן דֶער קוֹל קֶען עֶר נָאכְמַאכְן, דָאס הֶער אִיךְ בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט".

זֶעט מֶען וִוי וַוייט מִיר דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צֶעזַאמֶען, אוּן רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, וָואס דָאס אִיז אַ חַיוּת אוּן אַ דֶערְקְוִויקוּנְג פַארְן נְשָׁמָה אוּן אוֹיךְ פַארְן גוּף.

(אשר בנחל אידיש מכתב י"א)





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ט"ו -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אִין זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן אַסַאךְ לוֹיפְן צוּם קֶבֶר פוּן זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דָארְט פְּלֶעגְט עֶר בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְּלֶעגְט בֶּעטְן זַיין זֵיידֶע עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

***

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר אַלְט, הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַ צַדִיק, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס קְדוּשָׁה אוּן דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה מִיט זְרִיזוּת גְלַייךְ נָאךְ חֲצוֹת, פוּן מִקְוֶה אִיז עֶר גְלַייךְ אַהֵיים גֶעלָאפְן זִיךְ אָנְטוּן שַׁבָּת'דִיג, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין שׁוּל אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָׁה פוּן שַׁבָּת, דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶען עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, עֶר הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אוּן גֶעזֶען.

דֶערְוַוייל הָאבְּן מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען אִין שׁוּל, עֶפֶּעס אַ חָשׁוּבֶער אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם קָאפּ אוּנְטֶער'ן שְׁטֶענְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז דָארְט, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעלִיגְן דָארְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה בִּיז בַּיינַאכְט, אַזוֹי סַאךְ הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אַז זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעשְׁוָואלְן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, אוּן דַאן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר זֶעט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אוֹר, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַזוֹיפִיל, אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נַאכְט אוּן מְ'הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אָנְגֶעצִינְדֶען דִי לִיכְט, הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר זֶעט עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט.

דָאס וֵויינֶען הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר זַיין גַאנְץ הֵיילִיג לֶעבְּן, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט וַוייל זַיין מִשְׁפָּחָה שְׁטַאמְט פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעוֶוענְלִיךְ אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, זֵיי וֵויינֶען אַסַאךְ, אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים. וַוייל דָוִד הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט דָאךְ גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים, וָואס אִיז מֶערְסְטְנְס הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, פוּל מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן גֶעוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ.




אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס פֶּעטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, הָאט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעזֶען מֶער מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, נִישְׁט מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים.

אֵיין מָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן אִין זַיין צִימֶער אוּן גֶעוֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט בִּיז וֶוען דִי טְרֶערְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רִינֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי גַאנְצֶע עֶרְד אִיז גֶעוָוארְן נַאס פוּן זַיינֶע טְרֶערְן, בִּיז וֶוען זַיינֶע שִׁיךְ זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶער עֶרְד פוּן דִי נַאסְקֵייט פוּן דִי טְרֶערְן.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין יוֹם סוּכּוֹת וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי ד' מִינִים אַרוּם דִי בִּימָה צוּ זָאגְן הוֹשַׁעֲנוֹת, הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן נָאכְדֶעם גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִיז נַאס פוּן טְרֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פַארְגָאסְן בַּיים אַרוּמְגֵיין דִי בִּימָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת קודש פרשת וירא - תשפ"ג

**שלום אלי' אינדיג דערציילט:** שכח איבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביי דער ראש ישיבה שליט"א שבת אינדערפרי פרשת וירא.

אויפ'ן וועג אהיים האט איינער דערציילט אז איינע פון די תלמידים וואס דער ראש ישיבה האט אוועקגעגעבן אסאך צייט פאר אים, האט צום סוף געזוכט ווי מער ער קען שטערן די פלאץ און מאכן פראבלעמען פאר דער ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווי מער איך ווער עלטער זע איך מער איין וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן: **"הדיבור הולך אל הרוחות, והכתב נשאר לדורות"**, זייער אסאך מענטשן וואס איך האב גאר אסאך גערעדט מיט זיי און זיי מחזק געווען גאנצע נעכט, זענען צום סוף אוועקגעגאנגען, אבער ווען איך שרייב א בריוו, דאס בלייבט, אויב דו ווילסט עס נישט ליינען וועט עס א צווייטער ליינען, איינער גייט האבן חיזוק דערפון".

רעדנדיג פון דעם ענין האט דער ראש ישיבה מיר געפרעגט איבער עפעס א תלמיד הישיבה פון די פריערדיגע יארן וואס וואוינט נעבן מיר, וואס ער מאכט היינט, האב איך געזאגט אז לויט ווי איך ווייס האט ער שוין נישט קיין שייכות מיט היכל הקודש, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב אוועקגעגעבן גאנצע נעכט פאר אים אלץ בחור, ער האט נישט געהאט וואו צו שלאפן, איך האב אים אריינגענומען צו מיר אינדערהיים שלאפן, ער האט אפילו נישט געהאט קיין נאכט העמד, איך האב אים געגעבן א נאכט העמד, און איך האב אים מורא'דיג שטארק מחזק געווען, יעצט האט ער חתונה געהאט און ער האט אינגאנצן פארגעסן פון דער ראש ישיבה".

מ'האט אנגעהויבן רעדן פון טייערע שמחות, האט זיך איינער אנגערופן אז ער איז געווען די וואך ביי א שמחה, און איינער האט זיך דארט אויפגעשטעלט רעדן, ער האט נאכגעזאגט פון איינע פון די "גדולי ירושלים" אז אויב מ'גייט אנהייבן מאכן ביליגע חתונות גייט די פארפאלק נישט וויסן די חשיבות פון חתונה האבן. דער ראש ישיבה איז געווארן צוקאכט, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו אים: **"און יעצט מיט די טייערע חתונות וויסן זיי יא די חשיבות פון חתונה האבן?! דו ווייסט וויפיל גיטין ס'קומט פאר יעדן טאג?!** אלע בתי דינים אין שטאט קענען נישט נאכקומען די ארבעט פון אזוי פיל גיטין, מיט די טייערע שמחות ווייסט מען יא די חשיבות פון חתונה האבן?! איך נעם מיינע תלמידים און איך לערן זיי אויס וויאזוי צו לעבן!"

אינמיטן וועג האט דער ראש ישיבה באגעגנט א איד וואס האט אסאך אייניקלעך אין היכל הקודש, און דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו אים און אים באגריסט "גוט שבת", און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "אזעלכע טייערע אייניקלעך האט איר, אלע זענען ערליכע אידן, איר האט אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע דורות!".

נאך ער איז אוועק געגאנגען האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז דא זייער אסאך מענטשן וואס אנפאנג פון די ישיבה האבן זיי נישט געוואלט רעדן מיט אים וויבאלד די מחלוקת איז געווען אזוי שטארק, ס'איז אריבער אפאר יאר און זיי זעען די נחת וואס זיי האבן פון זייערע קינדער פון היכל הקודש, און זייער גאנצע בליק האט זיך געטוישט.

מ'איז אריין אין א שמועס פון הפצה, האט איינער דערציילט אז ער גייט הפצה מיט די קרית ברסלב בלעטל, אבער די פראבלעם איז אז די מפיצים באצאלן אסאך געלט פאר א בלעטל און דער עולם באצאלט נישט גענוג אז די מפיצים זאלן צוריק מאכן די געלט, און מען דערלייגט געלט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווען מ'גייט הפצה דארף זיך עס אויסצאלן, נישט נאר ס'דארף זיך אויסצאלן נאר ס'דארף נאך אריינקומען מער געלט, איך גיי נישט זאגן אז אויב מ'דערלייגט געלט ביים גיין הפצה גייט מען נישט באקומען שכר אויף יענע וועלט, אודאי באקומט מען שכר, אבער הפצה דארף יא זיין א הכנסה".

אזוי שפאצירנדיג אהיים איז מען דורכגעגאנגען א גוי וואס האט געהאט אינטערעסאנטע האר, ער האט עס געפארבט פורפל, און דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן עס באמערקט, האט דער ראש ישיבה דערציילט פאר זיינע קינדער אז ביי גוים איז נישט דא קיין תורה, ביי זיי איז דא א גאנצע סוגיא וואס הייסט "מיין גוף", איך מעג טון וואס איך וויל מיט מיין גוף, ס'גייט קומען א צייט וואס אויב א מענטש וועט אפמאכן אז ער וויל ווערן א בהמה וועט ער קענען מאכן א סורדזשערי צו ווערן א בהמה, ס'איז מיין גוף, איך קען טון וואס איך וויל...

ווען מ'איז אנגעקומען צו דער ראש ישיבה אינדערהיים האט דער ראש ישיבה אויסגערופן א פרייליכע "גוט

שבת", און דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעזעצט אויפן פלאץ, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר אלע זיינע קינדער וואס זיי זאלן אנגרייטן די סעודה.

דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן די בעכער פאר קידוש, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "היינט גייט הערשי אויפהייבן די בעכער ווייל הערשי האט געמאכט א סיום", ווען הערשי האט געוואלט אויפהייבן די בעכער האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך מיין אז דער גאסט זאל אויפהייבן די בעכער ווייל ער איז א מפיץ, איך מיין אז הערשי גייט מוותר זיין פאר די מפיץ", פארשטייט זיך הערשי האט מוותר געווען, און דער מפיץ האט אויפגעהויבן די בעכער.

אינמיטן די סעודה האט מען געשמועסט פון הפצה, האט זיך איינער אנגערופן אז זיין שווער איז א צדיק, ווייל דער אינגערמאן גייט הפצה און ער באקומט בזיונות דערפון, אבער ער ווייסט די גרויסקייט פון הפצה און די גרויסקייט פון בזיונות. זיין שווער ווייסט נישט די גרויסקייט פון הפצה און בזיונות, און ער האט בזיונות אז זיין איידעם איז א מפיץ, און מיט דעם אלעם זאגט ער אים נישט גארנישט, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "פארוואס טראכסטו אז וועגן דעם איז דיין שווער א צדיק? קיינער קוקט נישט אראפ דיין שווער אז ער האט אן איידעם א מפיץ, פארקערט, אויב עפעס קוקט מען אים ארויף, אפילו מענטשן וואס ווילן נישט נעמען קיין קונטרס פון דיך, אבער דיין שווער קוקט ער ארויף, ווייל **שטילערהייט איז ער זיך מחי' מיט די חיזוק פון רבי'ן**, און ער קוקט ארויף דיין שווער אז ער האט אן איידעם וואס איז מחי' אזויפיל אידן".

מ'האט געזינגען זמירות, אינמיטן ברוך ה' יום יום האט דער ראש ישיבה אריינגעפלאכטן אידישע תפילות אין די ניגון, ס'איז געווען זייער שיין.

דער ראש ישיבה האט געזינגען דרור יקרא, און יעדער האט געהאט א געלעגנהייט צו זיין סאולא, אלע קינדער האבן מיטגעזינגען, ס'איז מיר געווען א חידוש.

נאך מ'האט געענדיגט זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט זיינע קינדער: "**אמאל בין איך געגאנגען אין די ליכטיגע גאסן האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם האט ער געשריגן ס'איז גוט, אוי ווי גוט צו זיין א איד...**" נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען: "**אמאל בין איך געגאנגען אין די טינקעלע גאסן האב איך געטראפן א גוי, האט איך אים געגעבן א פאטש אין זיין פנים האט ער געשריגן אוי, אוי ווי שלעכט צו זיין גוי...**" נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען: "**אמאל בין איך געגאנגען אין די טונקעלע גאסן האב איך געטראפן א מתנגד, האט ער מיך געזאגט "מ'האט נישט געהאלטן פון דעם" האב איך אים גארנישט געענטפערט, אוי ווי גוט צו זיין א ברסלב'ער...**"

מ'איז אריינגעפארן אין א לאנגע שמועס וועגן אומאן, בתוך הדברים האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער עולם האלט נאך אינמיטן באצאלן די בילס פון די פאריעריגע נסיעה, קיינער טראכט נאכנישט פון קומענדיגע יאר ראש השנה, אבער איך בין די וואך געזעצן מיט אלי קנאלל פון פלען איט רייט און מ'האט צוזאמען אויסגעפלאנט א טשארטער צו קענען קומען צום רבי'ן ראש השנה תשפ"ד".

מ'האט אנגעהויבן רעדן פון שידוכים, האט דער ראש ישיבה דערציילט אז ער האט אנגעטראגן א שידוך פאר א אינגערמאן פון היכל הקודש, און יענער האט זיך ממש צוקריגט מיט דער ראש ישיבה, ער איז געווען מלא טענות, "אזא שידוך טראגסטו מיך אן? א ספרד'ישע שידוך?", "פארוואס טראג איך אן שידוכים? **איך מיין נאר דעם אייבערשטן, איך האב נישט קיין שום אנדערע נגיעה**".

דער ראש ישיבה האט געזאגט ס'באדערט אים זייער שטארק אז אין קרית יואל איז נישט דא ווער עס נעמט צוזאם די אינגעלייט געוועזענע תלמידי הישיבה און איז זיי מחזק צו קומען נאכאמאל צו א שיעור און זיך מחזק זיין מיט די עצות פון רבי'ן, אפילו ס'קומען צו פרישע מקורבים, אבער זייער אסאך פון די אינגעלייט וואס האבן חתונה געהאט קיין קרית יואל זענען נישט געבליבן אין היכל הקודש, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיינער וואס זאל זיי מחזק זיין.

אינמיטן די סעודה האבן איינע פון דער ראש ישיבה'ס יונגערע קינדער געטון א געוויסע מוקצה זאך, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט איינמאל און נאכאמאל: "מ'טאר דאס נישט טון שבת, ס'איז מוקצה", דער ראש ישיבה האט עס געדארפט איבערזאגן אפאר מאל, אבער דער ראש ישיבה האט עס ווייטער געזאגט מיט א רואיגקייט ביז ער האט אויפגעהערט.

דער ראש ישיבה האט מורא'דיג אויסגעלויבט די נייע תלמוד תורה וואס האט זיך נארוואס געעפנט אין טברי', דער ראש ישיבה האט מורא'דיג מפליא געווען דער מלמד, ווי ער זיצט מיט א קליינע צאל קינדער און לייגט אריין אין זיי אמונה.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דערציילן מעשיות פון תפילה, און מ'איז אנגעקומען צו יוסף'ס מעשה האט דער ראש ישיבה פארגעלייגט: "**יוסף האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל זיין פרייליך אז ער איז א איד**", און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יוסף: "מיט די מעשה פון תפילה האסטו מיך געמאכט זייער פרייליך".

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה, איך האף אז די חשוב'ע ליינער האבן הנאה געהאט און ארויסגענומען שיינע זאכן לעבודא ולמעשה.

# שנים מקרא ואחד תרגום




## חזק חזק ונתחזק

"חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וָואךְ שַׁבָּת בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף סֵפֶר זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט אִין דִי הַאנְט, מֶען הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה; וֶוען מֶען פְרֶעגְט: "חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ?" קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן: "חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ", אִיךְ הָאבּ חוּמָשׁ אִין דִי הַאנְט.

עצתו אמונה מטות מסעי תש"פ

## הצלחה פאר די וואך

אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; קוּק וִוי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל בַּיי: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פָּאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - מֶען נֶעמְט אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן עֶנְדִיגְט מֶען אַ גַאנְצֶע סֵדֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר נֶעם אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאט מֶען הַצְלָחָה".

עצתו אמונה ויחי תש"פ

## עס ברענגט יראת שמים

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. לֵיידֶער לֵיידֶער קֶען מֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי וֵוייס אִיךְ וָואס, אָבֶּער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם בַּעַל עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען וִוי פְלַייסִיג זַיינֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הָאט דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר רֶעדְן צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט מֶען

זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

עצתו אמונה כי תבא לאומאן תש"פ

## לעבן מיט דער צייט

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג אָדֶער שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיט דֶער צַייט"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם הִתְחַזְּקוּת אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

עצתו אמונה לך לך תש"פ

## מעביר סדרה זיין פון זונטאג

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג הֵייבְּסְטוּ אָן דִי פַּרְשָׁה אוּן דוּ לֶערְנְסְט בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְנְסְטוּ בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימּוּד [ע' שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ אָן קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָן קַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - דַארְף מֶען טוּן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה זָאגְט, דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

עצתו אמונה וארא תשפ"א

## די נייעס זאל זיין די חומש

זֵיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט דִי נֵייעֶס אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין נֵייעֶס; דִי אַלֶע וָואס הֶערְן נֵייעֶס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס עֶס גֵייט זַיין וְכוּ', דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נֵייעֶס זֶענֶען רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נֵייעֶס; פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה קֶען אִיךְ נָאר בֶּעטְן אָבֶּער פוּן דִיר קֶען אִיךְ עֶס פַארְלַאנְגֶען, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חֵדֶר, וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי רֵיינֶע נְשָׁמוֹת רֵיינְקֵייט, זוֹיבֶּערְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט.

דַיין נֵייעֶס זָאל זַיין דִי חוּמָשׁ, דִי בְּלַאט גְמָרָא; דִי נֵייעֶס זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער; חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן פָּאלִיטִיק, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אוּן פַארְקֶערְט; אַ יְשׁוּעָה זֶעט מֶען וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

עצתו אמונה לך לך תשפ"א

## א סגולה צו געהיילט ווערן פון אלע מחלות

יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין אִיזָאלִירוּנְג, מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט צוּלִיבּ דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע, אַלֶע לֶענְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן אוּן אַלֶע זוּכְן עֵצוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ גֶעפוּנֶען אַ רְפוּאָה פַאר דִי מַחְלָה ה' יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען וָואס דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט גֶעזָאגְט (י"א נִיסָן, תשמ"ב) אַז דִי רְפוּאָה פַאר אַ נֵייעֶ מַחְלָה וָואס מֶען וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט אַ רְפוּאָה דֶערְצוּ אִיז צוּ נוּצְן דִי סְגוּלָה פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ; זוּנְטָאג זָאל מֶען לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאֲמַר וִוי מֶען הֶערְט וִוי דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי - דֶער ריי"ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת, צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

עצתו אמונה טהרה שנת תש"פ



# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




הכנסת ספר תורה צום בית המדרש היכל הקודש
קרית יואל העיס - אין יאר תשס"ז

1. מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו
2. מוהרא"ש זי"ע
3. מו"ה יואל פארקאש הי"ו
4. הרב אברהם חיים פארקאש שליט"א

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין

קוּקְט אַלֶע, דֶער קֶענִיג לַאכְט שׁוֹין וַוייטֶער אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין פִינְגֶער; וָואס מֵיינְט דָאס? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לַאכְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה? אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ צָרָה וֵויינֶען זֵיי, אוּן דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג לַאכְט! לָאמִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן אִים פְרֶעגְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, יֶעדֶע מָאל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ צָרָה הָאט עֶר גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעלַאכְט, וֶוען עֶפֶּעס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן הָאט מֶען אִים גֶעזֶען קוּקְן אוֹיף זַיין פִינְגֶער אוּן לַאכְן.



ג ז י, דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין

"אֲדוֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ, מִיר בֶּעטְן אִיבֶּער אַייעֶר כָּבוֹד, מִיר ווִילְן ווִיסְן וָואס אִיז דָאס אַז יֶעדֶעס מָאל דֶער קֶענִיג גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערִיקַייט קוּקְט דֶער קֶענִיג אוֹיפְ'ן פִינְגֶער אוּן שְׁמֵייכְלְט? מִיר ווִילְן ווִיסְן וָואס דָאס בַּאדֵייט".

"קוּמְט אַהֶער נֶענְטֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין; קוּקְט וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין פִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ אַ רִינְגְל אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף אִיר דְרֵיי אוֹתִיוֹת: ג ז י, אִיר וֵוייסְט וָואס דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת מֵיינֶען? דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער 'גַּם זֶה יַעֲבוֹר', דֶער טַייטְשׁ אִיז: 'דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין'; יֶעדֶע מָאל עֶפֶּעס פַּאסִירְט גֶעבּ אִיךְ אַ קוּק אוֹיפְ'ן רִינְגְל אוּן אִיךְ חָזֶר צוּ זִיךְ 'עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין', עֶס וֶועט בֶּעסֶער וֶוערְן; דָאס מַאכְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁמֵייכְל אִיךְ; אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף מַיין פִינְגֶער, אִיךְ קוּק אוֹיפְ'ן רִינְגְל, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, עֶס וֶועט מִיר וֶוערְן בֶּעסֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, עֶפֶּעס טוּט וֵויי, אָדֶער אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט – דַארְפְן מִיר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן דִי דְרֵיי אוֹתִיוֹת ג ז י, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

לָאמִיר אַלֶע זִינְגֶען: "עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער, דַארְפְסְט נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז פוּן אַלֶעם גְרֶעסֶער, תְּפִלָּה עֶפְנְט אַלֶע שְׁלֶעסֶער, אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין ווִי עֶס וֶוערְט מִיר בֶּעסֶער".

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

רוחמה פייגא פערל תחי' פון ירושלים פארציילט:






געמאלן דורך: רוחמה פייגא פערל




# קליין און שיין



די תלמידים פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל האבן אהערגעשטעלט א מנורה פון קליקס



**שיקט אריין א בילד פון אייער קינד**

# טרעף

## די פאַרבאָרגענע ווערטער

# באשעפער איך הייב אהן פון ניי, איך וויל שוין צו דיר זיין געטריי



| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | א | ג | ו | א | ל | ד | ר | ע | ב | א | פ | ש | ש | ש | ש | ו | ו | י | ל | ב | ה | ה | ע |
| כ | ת | ט | ב | ת | צ | נ | י | י | ז | ע | צ | ד | ס | ב | כ | ק | ה | ח | ד | פ | כ | ת | ג |
| ת | ד | ו | ע | ת | ד | ו | ט | ב | צ | נ | פ | ל | ר | ס | ח | ד | ג | ג | ג | ש | ל | ז | ק |
| כ | י | א | כ | ל | ד | פ | ת | ש | ג | נ | ס | נ | ה | י | ל | א | ס | ע | ע | י | מ | צ | ג |
| ו | ג | ז | ר | ז | פ | ז | ג | נ | ג | פ | ע | ר | י | ל | ז | ה | ו | ד | ל | ט | ר | ח | ת |
| ד | ה | מ | ה | ר | ט | ה | ה | ו | ח | ה | ח | ב | צ | ק | נ | נ | י | ו | ש | ה | ר | ב | ד |
| ס | פ | ו | ב | מ | ד | נ | נ | ר | ג | ר | ט | כ | ג | ח | ס | י | ס | ז | א | ר | ט | י | צ |
| כ | ש | מ | מ | מ | ה | מ | ע | א | י | ז | ה | נ | ר | ל | מ | י | ז | ו | ר | י | נ | ה | י |
| ב | צ | ל | ט | מ | נ | ח | ח | מ | ה | ה | ג | א | ע | ג | ה | ז | כ | כ | ב | ת | כ | ח | ז |
| ל | ק | ז | ר | פ | ש | צ | ר | ש | ט | ל | ט | ח | ג | ר | ב | ג | י | ל | ש | ט | ח | ר | מ |
| מ | ט | י | ט | ע | ז | ד | י | ר | ד | ת | ר | א | ט | ש | ק | ה | כ | ת | מ | ג | ה | ס | צ |
| ק | ד | כ | ב | מ | פ | ח | צ | ל | ס | ז | ק | ו | ה | ה | נ | ש | נ | נ | ו | ר | ח | ח | ל |
| ב | ה | י | י | ב | א | ש | ע | פ | ע | ר | פ | י | ז | ס | ח | ש | מ | ג | ז | ה | ר | ש | ב |









## העלף נחמן נתן לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים




## א שיעור מיטן רבי'ן

אמת

**נא.** דִּבְרוּ תּוֹרָה וּנְבִיאִים בִּלְשׁוֹן הֲבַאי.

**טייטש.** דִי תּוֹרָה, דִי נְבִיאִים, אוּן דִי חֲכָמִים, הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּמָאל מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ גוּזְמָא.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| 4 | 2 | | | 6 | |
| | 1 | 3 | 5 | | |
| | | 5 | | | |
| | | | | 2 | |
| | | | 6 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 6 | 8 | | | 3 | | |
| | 8 | | | | | | 9 | 4 |
| 4 | | 7 | 6 | | 9 | 8 | | 2 |
| | | 1 | 7 | 8 | 6 | 5 | | 9 |
| | | | 2 | | 1 | | | |
| 6 | | 8 | 4 | 9 | 5 | 7 | | |
| 2 | | 3 | 1 | | 8 | 9 | | 7 |
| 1 | 7 | | | | | | 8 | |
| | | 4 | | | 2 | 1 | 5 | |



## חידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ער איז צוגעקומען צו זיינע מדרגות נאר דורך**

א. לערנען אסאך תורה

ב. געבן אסאך צדקה

ג. זיך פירן פשוט

ד. נישט שלאפן אין א בעט

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **די הייליגע חכמים זאגן: די וועלט שטייט נאר אויף**

ענטפער: די תורה פון קינדער

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**מלכה פורסט תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ויגש?

## פון אויבן אראפ.

1. נישטא קיין _____ זאך ווי אן איידעלע אידישע פרוי
2. בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט ליבן האבן _____
3. נישטא נאך א זאך וואס איז אזוי _____ דעם מענטש ווי לערנען תורה
4. _____ _____ האט נישט צוטון צי מען קומט פון איין קהלה
6. ווען מען בעט דעם אייבערשטן, זאל מען נישט _____
7. ווען מען לערנט _____, איז דאס די גרעסטע גן עדן
10. די ספרים פון הייליגן רבי'ן, דאס זענען די בעסטע _____ ספרים
13. דער עיקר זאלסטו זיך צוגעוואוינען _____ דעם אייבערשטן יעדע זאך אין דיין שפראך

## פון רעכטס צו לינקס.

2. די עצה פאר פחדים, ענקזייעטי, וכו', איז _____
5. גיי דו אויך נאך _____, לכל הפחות איין מאל א וואך
6. וואו דו געפונסט זיך, זאלסטו האבן מיט דיר א זעקל _____
8. _____ צום אייבערשטן אין דיין בלאטע
9. אז דו ווערסט זיין _____, וועט דיר זיין גוט
11. לערנען זוהר _____ דעם מענטש
12. מאך א _____ פון בחורים מפיצים, גיי שטורעמען די גאסן
14. מען דארף האבן _____ נישט צו מאכן מחלוקת
15. איך פריי זיך זייער אז דו פירסט זיך מיט _____ _____
16. _____ נישט מיט לציים



# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר האבן א גרויסן אויסוואל פון אלע ספרים,
ביכלעך און דעקאראציע אייטעמס, פאר אייך און
די גאנצע משפחה.

**לייבי ראטה**
347-578-4449

---

מיר נעמען אן צו דעליווערן פעקלעך צו און
פון אלע היימישע געגנטער.

רופט נחמן ישראל יאקאבאוויטש
**347-768-4482**

---

## LOUNGE

computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

---

פאר אלע אייערע הענדימאן ארבעט
רופט ישראל סאמעט
**845-866-4101**






# בילדער
## אפטיילונג






קרעדיט: שבתי מזרחי

קינדער וואונטשן זיך ביים ראש ישיבה זאת חנוכה



קרעדיט: מרדכי אהרן הײלפרין

גענעראל פארזאמלונג זונטאג ויחי מיט די געטרייע חברי הנהלה



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

גענעראל פארזאמלונג דינסטאג ויגש מיט די געטרייע חברי הנהלה




מנהל המוסדות מיטן פאנדרעיזער ביים פרעזענטירן דעם טאוול וואו עס ווערט פארצייכנט די נדבנים אונטערן "בן גמלא" פראגראם



קרעדיט: משה נחום בערגער

ליל ששי צאמקום אין מאנטשעסטער



קרעדיט: ישראל העסקל

ליל ששי צאמקום אין בית המדרש היכל הקודש לאנדאן






**דער דיין שליט"א ביים געבן השגחה אויף די ברסלב'ע מצה בעקעריי**






**דער דיין שליט"א ביים געבן השגחה אויף די פיש פון די "דעלישעס פיש" געשעפט**






**דער דיין שליט"א ביים געבן באקוקן די מקוואות אין שטעטל**






**דער דיין שליט"א ביים געבן השגחה אויף "העניך'ס טעיסט"**







מען רוקט זיך ברוך השם פאראויס מיט'ן בויען די נייע
הייזער אין שטעטל ביי ירושלים און שטיגליץ גאס







דער ראש ישיבה שליט"א  אין א שמועס מיט די
אינגעלייט נאכ'ן ליל ששי שמועס - ויגש תשפ"ג







הפצה פארברענג אין היכל הקודש קרית יואל
פרימישלאן - דינסטאג ויגש תשפ"ג







מו"ה אברהם מרדכי גאלדשטיין הי"ו ביים שפילן מיט א
פידל פאר די קינדער אין קרית יואל חדר  - פרשת ויחי

שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבוא מלך הכבוד

בית המדרש

היכל הקודש

לאנדאן יצ"ו

בהתייסדות מוהרא"ש זצ"ל • בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

ברוב שבח והודאה להשי"ת
שקיימנו והיגיענו לזמן הזה על אחרי הרבה
תפילות ובקשות ומניעות קשות עלה בידינו בס"ד לייסד

## בית המדרש

# היכל הקודש

## לאנדאן

כתובת הביהמ"ד

**23a St. Andrews Grove**

Side Entrance

שיהיה מקום לקדש שם שמים
ולהפיץ ספרי רבינו זצ"ל ולהרבות בדיבוק חברים
ולקרב לבבות לאבינו שבשמים בדרך שקיבלנו

ממרן **מוהרא"ש** זצ"ל

**והראש ישיבה שליט"א**

יהי רצון מלפני אדון כל שקול התורה והתפילה
לא יפסוק ממקום הקדוש הזה

הגבאים